

תשורה

משמחת נישואין של

# מרדכי דוב ויטה חי' שיחיו
# ווילשאנסקי

ח' טבת ה'תשע"ח

ב"ה

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו החתן התמים הרב מ' **מרדכי דוב** שי' עם ב"ג מ' **יטה חי'** תחי' למז"ט, ביום השלישי, שמונה ימים לחדש טבת, ה'תשע"ח.

התודה והברכה מובעת בזה לידידינו ומכירנו, אשר הואילו לשמוח אתנו יחדיו ביום שמחת לבבנו, לברכנו, ולברך את בני הזוג יחיו, בברכת מז"ט וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשנת תרפ"ט, ביום ג', י"ד לחודש כסלו, הואיל כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ לחלק „תשורה" לבאי החתונה, בצירוף צילום מכתבו אשר בה נכתב:

**"לזכרון טוב, ליום כלולת בתי . . הנני בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה, העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר . . אשר סגולה יהי' לכל מילי דמיטב מנפש ועד בשר. . ".**

ובהתאם לכך, הננו מתכבדים להגיש לפני כבודו ואנשי ביתו יחיו – „תשורה" מיוחדת זו, אשר בה נלקטו ונעתקו כו"כ מכתבי וכתי"ק רבותינו נשיאינו.

תשורה זו כוללת:

צילום מהתשורה שחילק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ בעת חתנות כ"ק אדמו"ר

צילום מכתב כ"ק אדמו"ר להורי החתן לרגל נישואיהם

צילום מכתב כ"ק אדמו"ר להורי הכלה לרגל נישואיהם

צילום מכתב לסבא־רבה של החתן

צילום כתי"ק, פרסום ראשון לסב החתן

צילום כתי"ק, פרסום ראשון בענייני שידוכים

חלק מתולדות חייו של הסבא של החתן הרב רפאל ווילשאנסקי ע"ה

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך את כבודו ואת אנשי ביתו יחיו, בתוך כלל ישראל, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, ובמיוחד בזמן מסוגל זה – דידן נצח – יה"ר שנזכה תיכף ל„מיסמך גאולה לגאולה" – לגאולה האמיתית והשלימה, ונזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דאד למטה מעשרה טפחים . . והוא יגאלנו", ויוליכנו קוממיות לארצנו בקרוב ממ"ש ממ"ש!

בשמחה ובברכה

חיים אלי' ופייגא ווילשאנסקי

שמואל יוסף ורחל רענדלער

ח' טבת ה'תשע"ח

ברוקלין, נ.י.



צילום מה"תשורה" שחילק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ לבאי החתונה



שלום וברכה

לזכרון טוב. יום כלולת בתי הכלה הבתולה מ' חי' מושקא תחי' עם בן החתן הרב מ' מנחם מענדל שי'. הנני בזה לכבד את כל המשתתפים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה. העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר. אבינו הראשון, רבנו הגדול מזוקנינו הזקן נבג"מ זי"ע אשר סגולה יהי' לנו אלו רגשי נפשנו ועד בשר. בתוככי ידידינו אנ"ש. ה' עליהם יחיו. וכל מחזיקי תורה יחיו.

בשמחה וברכה

יוסף יצחק

ישיבה - תומכי-תמימים ליובאוויטש"

ג' י"ד כסלו. תרפ"ט. ווארשא.

פרשת מכתב קדש זה הוא. כי היחס בין החסידים ומגידיהם בעת ההיא הי' בגלל כזה. אשר באחת האסיפות של אנ"ש בוילנא חוג קבוצת אברכים ומופלגי תורה מצעירי החסידים דעתם לצאת לריב עם מגידיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי'. ותוכן אנו שבראשי עמד הנגיד הגבאי ומחסיד ר' מאיר בהר' רפאל נ"ע אשר כחמשה ששה שנים נתקנא בו לערך ל' עגלי' והשתדלו בדבר הבאת שלום ובאסיפה ההיא תקף החסיד רמ"מ נ"ע בידם של הצעירים ויצא בדברים יוצאים מלב פועל. ברוב הנגיעות שסבלו. נגד החסיד רמב"ר נ"ע

באותו מעמד שלח רבנו הגדול אליהם ציר מיוחד ואמר. הצדק אתכם. אבל המוח שליט על הלב. וזאת היא עבודה. אנו להיות לדם ברשותי וכגון לאהבתו ויראתו ית' ולבא לידי גלוי טפי ביפין בפועל ובגדות טובות באהבה... שראו לזוג הי' וסוף כבוד אלקים לבא כאשר יכולו ועשות מעין בית ה' אשר נגלה על מורנו הבעש"ט נ"ע ומלאה הארץ דעה את ה'

ובחדש אלול בשנה ההיא שלח רבנו הגדול וכתב זה להחסיד ר' משה נ"ע

צילום מה"תשורה" שחילק כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ לבאי החתונה

ווילשאנסקי– ברוקלין

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213

Hyacinth 3-9250

ב"ה, כא' טבת תשל"ז
ברוקלין, נ.י.

האברך הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' חיים אלי' שי'
ובו"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום ר"ח שבט הבע"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

צילום ממכתב ששלח כ"ק אדמו"ר להורי החתן לרגל נישואיהם

רענדלער- מאסקאל- ברוקלין

**RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON**
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213
493-9250

**מנחם מענדל שניאורסאהן**
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, יט' אייר תשל"ט
ברוקלין, נ.י.

האברך הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' שמואל יוסף שי'
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום יא' סיון הבעל"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

צילום ממכתב ששלח כ"ק אדמו"ר להורי הכלה לרגל נישואיהם

ווילשאנסקי- ברוקלין

**מנחם מענדל שניאורסאהן**
**ליובאוויטש**

**770 איסטערן פארקוויי**
**ברוקלין, נ. י.**

*RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON*
**Lubavitch**
**770 Eastern Parkway**
**Brooklyn. N. Y. 11213**

**493-9250**

ב"ה, כ"ז תשרי תשנ"ד
ברוקלין , נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' חיים אלי' שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אשר נולד להם בן למזל טוב,

הנה יהי"ר מהשי"ת שיכניסוהו לבריתו של אברהם אבינו, וכשם שיכניסוהו לברית כן יכניסוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ויגדלו ביחד עם זוגו' תי' מתוך הרחבה.

בברכת מזל טוב
בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
ל.י.ס.ג.
מזכיר

צילום ממכתב ששלח כ"ק אדמו"ר להורי החתן לרגל הולדת החתן

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ"ד טבת, ה'תשכ"ח
ברוקלין, נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ כו'
מו"ה מרדכי דוב שי'

שלום וברכה!

מאשר הנני קבלת מכתבו מאז.

וביום הסתלקות הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן,

אשר בשעת ההסתלקות הרי אז "גילוי הארת עיקר שורש שרשו ברום המעלות במדריגה היותר עליונה למעלה מעלה"

ומתגלה ומאיר מלמעלה למטה "כל עמל האדם שעמלה נפשו בחייו" - אדם צדיק עליון עובד ה' באהבה במסירת נפשו לה' - ועי"ז "מאיר חסד ה' מעולם עד עולם על יראיו ופועל ישועות בקרב הארץ",

והנה כל אדם לעמל (שלו) יולד, ורבנו הזקן הרי כשמו כן הוא ועמלו, וכמאמר הבעש"ט: שמו שניאור - שני אור - שני אורות - הוא יאיר בתורת הנגלה ובתורת הנסתר,

וע"פ הכלל (והדין) דאמירה והתכללות בתיבה אחת מורה על האיחוד ועד - לאיחוד בשלימות - מובן גם כאן שהכוונה לקישור ואיחוד שני האורות ויחודם, כי תורה אחת היא,

הנה מדי שנה בשנה, הרי הימים האלו (כאשר הם) נזכרים (כדבעי, הרי אז כל ההארות וההמשכות) נעשים,

וגופא בתר רישא אזיל, כל אלה הלומדים תורתו - נגלה דתורה ופנימיות התורה (תורת החסידות) ובאופן האמור - ומשתדלים ללכת "בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו נס"ו".

* * *

והנה כידן אשר קוב"ה אורייתא וישראל מתקשרן דא בדא וכל חד סתים וגליא, מובן אשר התקשרות ואיחוד סתים וגליא דאורייתא והתקשרות ואיחוד סתים וגליא דישראל תלוים זב"ז, וע"י שניהם באים ההתקשרות, כביכול, ואיחוד דסתים וגליא דקוב"ה,

אשר ע"י כ"ז מקשרים ומאחדים את הבריאה כולה עם נשמתה - אור ודבר הוי' המהווה אותה מחי' ומקיימה,

העבודה אשר בה "תליא כל רזא דמהימנותא":

וידעת היום והשבת אל לבבך כי הוי' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד.

בברכת

מסיבה נתעכב המכתב עד העשירי בשבט - ויומא קא גרים ע"ד כל הנ"ל, שהרי הוא יום הסתלקות הילולא של כ"ק מו"ח אדמו"ר - ערב שבת קודש אחרי חצות היום.

מכ' שלאחרי הנ"ל נתקבל

צילום ממכתב ששלח כ"ק אדמו"ר לסב-רבה של החתן שעל שמו הוא נקרא

צילום ממענה שנכתב לסב החתן
הרב רפאל ווילשאנסקי
על גליון
מאת כ"ק אדמו"ר

**להוסיף שזהו הנחה כבאידית – צ"ל תיקון הל' ע"י אלה הרושמים "תוכן הענינים"**

**באנג. <u>אין</u> צ"ל תרגום מילולי**

# מענות כ"ק אדמו"ר בענייני שידוכין



**לסדר שיתראו עוה"פ [= עוד הפעם] (און ניט ציען בזה) ובטח אז יהי' ברור יותר.**



**כמובן כל הנ"ל בהרגש הלב של שניהם**



**אזכיר עה"צ**



**באם 1)** [הגיור נעשה כהלכה]**, 2) נפגשה יותר מב' פעמים**
**ודעתה כנ"ל** [לגמור השידוך]
**נכון השידוך ויהא בשטומו"צ**
**אזכיר עה"צ**



**באם החליטו שניהם לבנות ביתם על יסוהתוהמ"צ** [=
יסודי התורה והמצוה] **- תגמור השידוך בשטומו"צ** [=
בשעה טובה ומוצלחת].
**השמות** [דהחתן כלה] **ואזכירם עה"צ**



**ויהא הקשה"ת במז"ט** [= הקישורי התנאים מזל טוב] **ולבנין
עדי עד.**
**במענה לשאלותיו: יתענין במשרה להוראה.**
**זמן החתונה כפי שיתדברו ביניהם.**
**חת"ת**
**אישור פ"נ**



**במענה למכ'**[תבו] **מיום .. ע"ד** [= על דבר] **הצעת הנכבדות עבור**
[בתו] **ושכבר נפגשו והסכימו וכו' ובודאי כותב גם בשם בתו תי' -**
**ויהא השידוך בשטומו"צ ולבנין עדי עד.**
**אישור פ"נ**

# דער געהויבענער טאטע "ר' צאלע'ל חערסאנער"

הרב רפאל ווילשאנסקי ז"ל דערציילט:



איך בין געבוירן בשנת תרפ"ה, אין די שטאט באטום אין גרוזיע, וואו מיין טאטע החסיד המופלג הרב בצלאל זצ"ל האט געדינט אלס שוחט ומוהל.

מיין טאטע איז געווען באקאנט מיטן נאמען "ר' צאלע'ל חערסאנער". וויבאלד ער איז געקומען פון די רוסישע שטאט חערסאן. ביי ליובאוויטשער חסידים איז ער גאר בארימט אלס א "בעל שמועה", וועלכער האט איבערגעגעבן סיפורים פון אונזערע רבי'ס וואס ער האט געזען און געהערט. פילע צענדליגער סיפורים זענען געווען איינגעקריצט ביי אים אין זכרון, און אין יעדן שמועס האט זיך פון אים געגאסן חסידישע מעשיות. ביי יעדע געלעגנהייט האט ער אויפגעברענגט א סיפור מעין הענין. זיינע סיפורים זענען געווען א שם דבר, ווייל חוץ וואס ער האט דערציילט מיט א געוואלדיגע דייקנות, פלעגט ער "איבערגענומען" ווערן ביים דערציילן און פארשטעלן א מעשה, ממש ווי איינער וואס לעבט דאס מיט.

מיין טאטע איז געבוירן כ"א שבט תרנ"ח, צו זיין פאטער החסיד רבי רפאל ז"ל, וועלכער האט געשטאמט פון ליובאוויטשער חסידים, אלס א יונג בחור'ל, פון 14 און א האלב יאר – בשנת תרע"ב, איז ער געגאנגען לערנען אין די ישיבה "תומכי תמימים" אין די שטאט ליובאוויטש, אין די תקופה פון כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע.

שוין אין זיינע ערשטע צייטן אין די ישיבה איז דער טאטע געווארן פאררעכנט אלס איינער פון די געהויבענע בחורים, הרב ר' יהודא חיטריק ז"ל האט מיר דערציילט, אז דער מגיד שיעור פלעגט זיך אויסדרוקן, אז ווען מיין טאטע פרעגט א שאלה אין די גמרא איז עס נישט סתם א שאלה, נאר געווענליך טרעפט ער צו א רשב"א וכדומה.

צווישן די בחורים איז ער פאררעכנט געווארן אלס א "רייכער בחור", וויבאלד זיין זיידע פלעגט אים שיקן אביסל געלט. דאס "עשירות" איז געקומען צום אויסדרוק ליל שישי, ווען ער האט געקענט קויפן א ליכטל צו קענען בלייבן וואך און איבערשרייבן מאמרים וכתבים!

ער האט פיל מקבל געווען פון די מגידי שיעורי תורה וחסידות אין די ישיבה, אבער ער האט איבערהויפט באטראכט אלס רבו בחסידות הגה"ח רבי שאול בער זיסלין זצ"ל.

דער טאטע האט געלערנט אין ליובאוויטש ביז צו זיין חתונה, בשנת תרפ"א, מיט אמי מורתי מרת חי' ע"ה, בת החסיד המפורסם רבי שניאור זלמן לעווין ז"ל שו"ב בראמאגאווקע, מגזע הרמ"ק זי"ע.

נאך די חתונה האט מיין טאטע אנגעהויבן דינען אלס שוחט ובודק אינעם דארף רובאנאווקא, און דערנאך איז ער אריבערגעגאנגען צום שטעטל נאווא-אלעקסאנדראווקא, א צייט שפעטער האט ער זיך אומגעקערט צו זיין משפחה אין חערסאן.

אין יענע תקופה האט זיך אויפגעהאלטן אין באטום דער באקאנטער למדן וחסיד הרב שמרי' ששונקין זצ"ל, וועלכער איז דארט געווען דער רב ומורה דרך. ער האט געזוכט א פאסיגן שו"ב פאר דער קהלה און פאר דעם צוועק איז ער געפארן קיין ראסטאוו, וואו דער רבי, הרה"ק רבי יוסף יצחק זצ"ל, האט דעמאלט געוואוינט. (דער רבי מהורש"ב נ"ע האט זיך באזעצט אין ראסטאוו נאכ'ן פארלאזן ליובאוויטש) דארט האט מען אים געזאגט אז מיין טאטע וואלט געווען דער פאסיגסטער קאנדידאט. ר' שמרי' האט זיך געוואנדן צום טאטן, וועלכער איז געפארן קיין ראסטאוו און צוזאמען מיט ר' שמרי' האבן זיי זיך שואל עצה געווען ביים רבין ריי"צ, וועלכער האט אים מייעץ געווען דאס אנצונעמען.

מיין טאטע איז געפארן קיין באטום סוף חודש אלול תרפ"ג. ער איז שוין געווען דער חזן ובעל קורא אין די ימים נוראים תרפ"ד, דאן האט די משפחה זיך אריבערגעצויגען, און איך בין שוין דארט געבוירן.

## ברוך שעשה לי נס במקום הזה

מיר האבן דארט געוואוינט ביז תרפ"ו, ווען מיין מאמע ע"ה איז נישט-געזונט געווארן, און די דאקטוירים האבן געטענהט אז די לופט אין אונזער געגענט איז שטארק אומגינסטיג פאר איר, מיין טאטע איז געגאנגען קיין נעוועל, וואו ער האט זיך געלערנט די הוראה און באקומען סמיכה לרבנות, מיטן חשבון אריבער צוגיין דינען אלס רב אין עפעס א שטעטל.

למעשה האט מען אים אנגעבאטן צו דינען אלס שוחט אינעם שטעטל ווארכעניד, נעבן דנייפראפעטראווסק, און מיר האבן זיך אהינגעצויגן אין תרפ"ז. מיר זענען דעמאלט געווען דריי קינדער: מיין עלטערע שוועסטער (שפעטער אשת הרה"ח ר' דוד פערלאוו ז"ל), איך, און מיין שוועסטער בילא (שפעטער אשת הרה"ח ר' שמעון שטילערמאן ז"ל שו"ב), דארט אין ווארכעניד איז געבוירן אונזער יונגערער ברודער ר' חיים בער הי"ו.

חסדי ה' אזכיר, נעבן דאס גרויסע הויז וואו אונזער משפחה האט געוואוינט, איז געווען א הויף וואו ס'האט זיך געפונען א קוואל וואסער, פון וואו אלע האבן געשעפט וואסער, איינמאל בין איך ארויפגעגאנגען אויפן פאס העכער דעם ברינען, און ווי עס זעט אויס איז עס נישט געווען גוט באהאפטען, און איך בין דערמיט אריינגעפאלן אין וואסער.

מיין עלטערע שוועסטער איז געלאפן צו די מאמע און געשריגן "פאלקע (מיין צונאמען) האט זיך דערטרונקען!"... מיין מאמע האט נישט פארשטאנען וואס איז

געשען. זי איז אבער נאכגעגאנגען מיין שוועסטער און געזען וואס דא האט ליידער פאסירט! זי האט מיך ארויסגענומען פונעם פאס, זי האט מיך געהאלטן מיט די פיס ארויף און די קאפ אראפ און גענומען שאקלען אז דאס וואסער זאל ארויסגיין, דערנאך האט זי גענומען טאביק פונעם זיידען און עס אריינגעשטעקט אין מיין נאז, וואס האט גורם געווען אז איך זאל זיך צוהיסן און ארויסלאזן דאס איבעריגע וואסער, אזוי בין איך ב"ה ניצול געווארן.

## דער שפּיאנאזש אגענט איז דער "אבי הבן"

צופיל פרנסה איז נישט געווען אין שטעטל, מיין פאטער איז גיזעסן א גאנצן טאג אין שול און געווארט אז איינער זאל קומען שחט'ן, עס איז אבער געווען א קליינע קהלה און עס זענען נישט געקומען צופיל מענטשן...

בלית ברירה האבן מיר זיך ווידעראמאל אוועקגעצויגן, בערך אין תרצ"ג, דאס מאל קיין ווארעניזש, א גרויסע שטאט אין צענטראל רוסלאנד.

מיר האבן געוואוינט אינעם בנין בית הכנסת, וויבאלד מיין טאטע האט געדינט אלס שו"ב.

אין איינס פון די טעג דארט אין ווארעניזש, דאס איז געווען ערגעץ אין תרצ"ג-ד, איז געקומען צו אונז אין שטוב אן אומבאקאנטער מענטש און געפרעגט מיין טאטן, "איר זענט דער שוחט ומוהל וועלכער איז לעצטנס אהערגעקומען?" ווען מיין טאטע האט געענטפערט יא, האט יענער געזאגט, "ס'איז מיר געבוירן אן אייניקל און איך וויל איר זאלט קומען אים מל'ן". ווען דער טאטע האט געזאגט אז ער וויל צום ערשט גיין זען צי דאס קינד איז געזונט און מען קען אים מל'ן, האט יענער געזאגט, "איר קענט זיך פארלאזן אויף מיר, נעמט אייערע כלים און קומט מיט מיר".

דער טאטע האט גענומען זיין מוהל מעסער און די אנדערע כלים און ער האט זיך אנגעשלאסן מיט יענעם אין א טעקסי, זיי זענען אנגעקומען צו א גרויסן בנין, זיי האבן געקלאפּט אויף איינס פון די טירן, און ווען די טיר האט זיך געעפנט איז געשטאנען דארט אין שטוב א הויכראנגיקער "ען. קעי. ווי. די." אפיציר! מיין טאטע האט פארשטאנען אז מען האט אים געכאפּט אין א פאסטקע און ער איז געווארן ווייס ווי די וואנט, דער אפיציר האט אים אבער געזאגט, "בארואיגט אייך, איך בין דער אבי הבן, קומט אריין און מאכט דעם ברית"...

נאכן ברית האט דער אפיציר געזאגט פארן טאטן "פארשטענדליך אז איך קען אייך נישט, און איר קענט מיך נישט! ...גייט געזונטערהייט!"

איך געדענק אז ווען מיין טאטע איז אהיימגעקומען האט ער מיטגעברענגט אביסל כשרע מאכלים, ווי סארדינען, וואס איז געווען א גרויסע מציאה ביי אונז אין שטוב.

אינעם זומער פון תרצ"ה האט זיך געעפנט אין ווארעניזש אן אפטיילונג פון "תומכי תמימים", און מיין טאטע איז געווארן דער משפיע אין ישיבה, צווישן די תלמידים זענען געווען ר' מיכאל טייטלבוים, ר' שלום ווילענקין און ר' ישראל לעווין, וואס אלע פון זיי זענען שפעטער געווען אנשים מסוימים וחסידים מפורסמים.

מיין טאטע האט געבעטן די דערמאנטע תלמידים אז זיי זאלן לערנען מיט מיר סדרי לימודים במשך דעם טאג, און אזוי האב איך אין עלטער פון 10 יאר זוכה געווען צו לערנען מיט אזעלכע געהויבענע בחורים.

## די שפעטערע יארן פון מיין טאטן

סוף שנת תרצ"ח, נאכדעם וואס איך בין ארעסטירט געווארן אין די שטאט בארדיטשוב (ווי כ'וועל באלד דערציילן), איז מיין טאטע אנטלאפן פון ווארעניזש און אויך די אפטיילונג פון "תומכי תמימים" איז געשלאסן געווארן.

ביים אנהויב פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה האט מיין טאטע אנגעהויבן ארומוואנדערן אין רוסלאנד צו ערטער וואו די מלחמה איז נאכנישט אנגעקומען, ער איז אנגעקומען ביז קיין אלמא-אטא, קאזאקסטאן, וואו ער איז געבליבן וואוינען.

נאך די מלחמה איז מיין טאטע געקומען פון אלמא-אטא קיין קוטעיסי, אין גרוזיע, און דארט האבן מיר זיך פריש געטראפן.

שושן פורים שנת תש"ו, זענען מיר אנגעקומען קיין סאמארקאנד, וואו מען האט זיך אנגעהויבן ארגאניזירן צו די "בריחה הגדולה", נעמליך צו פעלשן שריפטן כאילו מיר זענען פוילישע בירגער – וועלכע מען האט דעמאלט ערלויבט זיך אומצוקערן פון רוסלאנד קיין פוילן.

אויך דעמאלט ווען אלעס איז געווען בחזקת פיקוח נפש, האט מיין טאטע אויסטערליש מקפיד געווען אויף יעדן קוצו של יו"ד משמירת התורה והמצוות, ער האט געזאלט ארויספארן פון לעמבערג מוצש"ק, במשך דעם גאנצן שבת האבן די עסקני ההצלה, בהיתר ובהוראת הרבנים, צוגעגרייט די משפחות צו זייערע רייזעס, אבער מיין טאטע האט בשום אופן נישט געוואלט גיין צו די סטאנציע, און ער איז טאקע אנגעקומען אין די סאמע לעצטער מינוט.

נאכן ארויסוואנדערן פון רוסלאנד און פוילן איז מיין טאטע אנגעקומען קיין פאריז. ס'איז דעמאלט אויפגעקומען אן הצעה אז ער זאל פארן קיין אויסטראליע און דארט דינען אלס שו"ב ומלמד אין די קהילה אין שעפערטאן.

ס'איז אינטערעסאנט אז די הצעה איז נאך אויפגעברענגט געווארן אין תרפ"ו, ווען איינער פון די אידן וועלכע זענען געפארן פון רוסלאנד זיך באזעצן אין אויסטראליע, האט דערציילט פאר הרב ר' משה זלמן פייגלין ז"ל, וועלכער האט געוואוינט אין שעפערטאן, איבער מיין טאטן, און היות מיין טאטע האט דעמאלט געזוכט א פרישן

מקור פרנסה האט מען גערעדט אז ער זאל ארויספארן קיין אויסטראליע, ר' משה זלמן האט אבער נישט געקענט שאפן אן ארויספאר-וויזע פון רוסלאנד.

אצינד, ווען דער פלאן איז פריש אויפגעקומען, האט מיין טאטע דאס שריפטליך איבערגעשמועסט מיטן רבי'ן ריי"צ, וועלכער האט אים געשריבן א בריוו ט"ו טבת תש"ז, אז ער זאל דאס אננעמען, למעשה איז ער ארויסגעפארן ערשט תש"ט, אינצווישן האט ער פיל אויפגעטאן אין פאריז.

אין אויסטראליע האט ער צום ערשט געוואוינט אין שעפערטאן און דערנאך אין מעלבארן. א קורצע צייט האט ער אויך געוואוינט אין סידני. אבער ער איז צוריקגעגאנגען קיין מעלבארן, וואו ער איז נפטר געווארן ב' סיון תשמ"א.

## אין אן "אונטערגרונד" ישיבה

זייענדיג א 12 יעריג קינד, האט ר' ישראל לעווין מיך גענומען צו אן "אונטערגרונד" ישיבה (אומלעגאל, באהאלטן פון מענטשנס אויגן, אז מען זאל נישט מסר'ן די אינסטאנצן), אין די שטאט קורסק, דאס איז געווען א נסיעה פון א גאנצע נאכט, דאס עצם ווילן אין אזא אומלעגאלע ישיבה און וואוינארט איז געווען א סכנה, אבער מיינע עלטערן האבן געהאט מסירת נפש פאר חינוך הבנים והבנות.

אין יענע שווערע יארן זענען גרופעס פון געהויבענע ליובאוויטשער בחורים געווען פארשפרייט אין קליינע קבוצות אין אלע שטעט, וואו זיי האבן געלערנט "אונטערערדיש". ווייל דער קאמוניסטישער רעזשים האט שטארק פארפאלגט די וואס האבן פארשפרייט תורה און אידישקייט, ובפרט חסידות.

אין די שטאט קורסק האבן געלערנט בלויז פינף בחורים, און איינער פון די עלטערע איז געווען דער מגיד שיעור פאר די איבעריגע.

## מיר שאפן א ישיבה אין בארדיטשוב

נאך פסח, שנת תרצ"ז, זייענדיג נאך פאר מיין בר מצוה, בין איך געשיקט געווארן מיט עטלעכע בחורים קיין בארדיטשוב צו עפענען נאך א סניף פון "תומכי תמימים", אלס ראש הישיבה איז אהינגעקומען ר' משה רובינסאן.

אין בארדיטשוב זענען נישט געווען קיין ליובאוויטשער משפחות, אבער עס זענען דארט געווען פיל ערליכע אידן, ווי אויך חסידים פון אנדערע הויפן, ווי טשערנאביל און ריזשין. 80 פראצענט שטאטישע איינוואוינער זענען געווען אידן, און אפילו די טאוולען אויף די געשעפטן זענען געווען אין אידיש. רוב זענען געווען עלטערע לייט, און מען האט כמעט נישט געזען קיין יונגע מענטשן אין די גאסן. דאס איז געווען די סיבה אז די געהיים-פאליציי, די "ען. קעי. ווי. די". איז דארט נישט געווען אזוי שטרענג, און מען האט געקענט עפענען א סניף פון "תומכי תמימים".

אין יענע תקופה איז אין גאנץ רוסלאנד כמעט נישט געווען קיין שוהלן, אפילו

אין מאסקווע און אין לענינגראד זענען געווען בלויז איין שוהל אין יעדע, אבער אין בארדיטשוב געווען גאר אנדערש. 31 שטיבלעך זענען דארט אנגעגאנגען יעדן טאג!

צווישן אנדערן איז געווען "דעם רב'ס קלויז", נעמלעך די שוהל פונעם הייליגן קדושת לוי זי"ע וואס איז געבליבן אלע יארן. כ'געדענק אז אריינקומענדיג אין שוהל איז געווען א "כיור" זיך צו וואשן די הענט. אויבן איז געווען א בית הכנסת און א חדר שני. עס איז דארט געווען א בענקל וואס מען האט געזאגט אז סאיז דאס בענקל פון הייליגן קדושת לוי. אין די שוהל איז געווען א מנין יעדן טאג.

אינעם בית החיים איז געווען דער אוהל פונעם הייליגן קדושת לוי זי"ע. און מיר פלעגן אהינגיין פון צייט צו צייט מתפלל צו זיין אויף א ווייטערדיגע שמירה והצלחה.

דערנעבן איז געווען א האלצערנער אוהל וואו עס איז געלעגן דער מאקארובער רבי זצ"ל. די שטאטישע איינוואוינער האבן דערציילט אז עס איז אמאל געווען א שריפה אינעם אוהל און איינער פון די פייערלעשער וועלכע זענען געקומען לעשן דאס פייער האט געזאגט מיט שפאט "דער ידישער רב איז גערעטעוועט געווארן". . . אין יענע מינוט איז ער פלוצים אריינגעפאלן אינעם פייער און איז פערברענט געווארן!

ווי אזוי האבן מיר געשאפן די ישיבה אין בארדיטשוב? איין פארטאגס זענען מיר אנגעקומען אין שטאט. מיר זענען געגאנגען צום בית הכנסת וואס מען האט גערופן "די ליטווישע שוהל". פון אינדרויסן פון דעם בנין זענען מיר ארויפגעגאנגען צום עזרת נשים. מיר זענען אריינגעגאנגען דורך די פענסטער און געזיצן שטיל אז מען זאל אונז נישט באמערקן. אונזער ראש הישיבה ר' משה רובינסאן האט מיט אונז געלערנט א שיעור אין גמרא, און די ישיבה איז אפיציעל געשאפן געווארן!. . .

ערשט צוויי שעה שפעטער האט דער שמש געעפענט די שוהל, און מיר האבן זיך מיט אים באגריסט. ער איז געווען א תמימותדיקער עלטערער איד, און ער האט מסכים געווען אז מיר זאלן לערנען ביינאכט אין די שוהל, אבער קיינער זאל דערפון נישט וויסן.

מיר פלעגן לערנען פארטאגס א שיעור צוזאמען, און דערנאך האבן מיר זיך ארויסגערוקט אין גרופעס פון צוויי צואנדערע שוהלן אין שטאט, וואו דער "משניות קלייזל" דער טשערנאבילער קלויז, דער מאקארובער קלויז, די "קאטשניעווקע שוהל" אויפן נאמען פון די גאס וואו עס איז געווען) און נאך, און דארט האבן מיר איבערגעחזרט דאס לערנען.

איך געדענק אז אינעם טשערנאבילער קלויז זענען געווען זקנים בעלי צורה וואס ביי סעודה שלישית האבן זיי פארברענגט מיט שיינע ווארימע זמירות. איינמאל בין איך געווען דארט אין קלויז כ'האב זיך אנגעלאנט אויפן וואנט און זיך אונטערגעזונגען ניגונים. עס זענען דארט געשטאנען עטליכע זקנים וועלכע האבן מיך געהערט און האבן געזאגט, "אויב ניסן בעלזער (א טאלנער חסיד און באקאנטער חזן) וואלט אים געהערט וואלט ער אים שוין פארהערט פאר זיין קאפעליע". . .

מיר האבן זיך באמיעט אז מען זאל אונז נישט זען אויפן גאס, אלס חשש פון "עינא בישא", ובפרט נאכדעם וואס אן ארטיקל אין די צייטונג "שטערן" וואס איז ערשינען אין קיעוו האט באריכטעט אז עס געפינען זיך נאך אין רוסלאנד פערלעצער און מורדים קעגן די רעגירונג, און דערמאנט אלסביישפיל אז "אין באַרדיטשוב איז פאראן אן אונטערערדישע ישיבה".

מיר זענען דארט געווען 8 קינדער אין פארשידענע יארגענג, 6 פון אונז זענען געווען פון די בר מצוה ביז 15 יאר, און צוויי זענען געווען נאך עלטער. צוזאמען מיט ר' משה רובינסאן און ר' בערל גורעוויטש – וועלכער איז געווען אן עלטערער און חשובער בחור. האבן מיר געהאט פונקט א מנין, דאס איז געווען די גרעסטע צאל תלמידים אין איין אפטיילונג פון "תומכי תמימים" אין יענע תקופה.

## ארעסט פון די תלמידים

דינסטאג פ' וארא, כ"ד טבת תרח"צ, ביומא דהילולא פון אדמו"ר הזקן בעל התניא זי"ע, זענען צוזאמענגעקומען די בחורים מיט די ראשי ישיבה צו א "פארברענג" אינעם "קאטשניעווקע שוהל". אונטער די פאדלאגע איז געווען אן אראפגאנג צו א קעלער, וואו עס איז געווען א טיש און א צאל אלטע בענקלעך, דארט האבן מיר זיך אוועקגעזעצט. אויפן טיש האט מען אוועקגעשטעלט אביסל משקה, הערינג און קוכן און מיר האבן פארברענגט עטלעכע שעה.

ארום 2:00 ביינאכט האט מען געהערט שטארקע קלאפן אויפן טיר פונעם קעלער! מיר האבן זיך זייער דערשראקן. מיר האבן נישט געעפנט די טיר, אבער מיר האבן איבערגעריסן דעם "פארברענג'", און זיך געלאפן באהאלטן ביים אנדערן זייט פון די קעלער.

ווען די אומגעוואונטשענע געסט האבן געזען אז מען עפענט נישט די טיר, האבן זיי זיך אריינגעריסן און אנגעהויבן אונז זוכן. ס'האט נישט לאנג געדויערט ביז זיי האבן אונז געטראפן. זיי האבן אונז ארויסגעפירט איינציגווייז, און באגלייט פון באוואפנטע וועכטער זענען מיר אפגעפירט געווארן צו די פאליציי סטאנציע. סאיז געווען א קאלטע שנייאיגע נאכט, ווען מיר זענען דורכגעגאנגען ביים שטאטישן פארק אויפן וועג צו די סטאנציע, האבן מיר געזען פונדערווייטנס דעם ציון פון הרה"ק רבי ליבער מבארדיטשוב זי"ע, און מיר האבן אלע מתפלל געווען אין הארצן אז דער צדיק זאל פאר אונז מעורר רחמים זיין.

מיר זענען געבליבן איבערנאכט אין די פאליציי סטאנציע, און אינדערפרי האט מען אונז געפירט צום קעלער פון די "ען. קעי. ווי. די." דארט האט מען אונז איינגעטיילט אין צוויי צימערן, די 4 עלטערע באזונדער און די 6 אינגערע באזונדער. איך און נאך 5 זענען געווען צווישן די אינגערע, וואס דער עלטסטער פון אונז איז געווען ר' העשיל צייטלין, וועלכער איז געווען בלויז 15 יאר. יעדן טאג האט מען אונז ארויסגענומען אויף אויספארשונגען צו באשטעטיגן אז מיר האבן געלערנט תורה.

קיינער פון אונז האט נישט מודה געווען, אלע האבן געזאגט אז מיר זענען אנטלאפן פון שטוב און זיך געטראפן אין קעלער צו עסן און טרינקען...

צוויי אידישע אויספארשער האבן זיך מיט אונז אפגעגעבן ווען מען האט מיך גערופן צום אויספארשונג האט מען מיך געשטעלט פאר ר' משה רובינסאן, און ער האט מיך געבעטן פאר זיי אז איך זאל מודה זיין על האמת אז ער האט מיט אונז געלערנט, איך האב דאס אבער געלייקנט וויל איך האב געוואוסט אז מען צווינגט אים דאס צו טאן! איינער פון די אויספארשער האט אויף מיר געשריען, "ווי שעמסטו זיך ניט צו מאכן צו מאכן דיין רבי'ן פאר א שקרן?!... אבער איך האב זיך געהאלטן ביי מיינס, "ער איז נישט מיין רבי, און איך וויס נישט וואס ער רעדט!

ערשט שפעטער ווען מען האט אריבערגעבריינגט ר' משה רובינסאן צו אונזער צימער, האט ער דערציילט אז ער האט מודה געווען און גענומען אויף זיך דעם גאנצן אחריות, אבער ער האט געלייקנט אז עס גייט אן אן אונטערערדישע ישיבה און אז מען באקומט געלט דאס אויפצוהאלטן.

פינף וואכן זענען מיר געווען אין די "ען. קעי. ווי. די." קעלערן, מיר זענען געשלאפן צוקוועטשט אויף דער ערד, און מען האט אונז יעדן טאג געגעבן 400 גראם ברויט און צוויי שטיקלעך צוקער, און צוויי מאל אין טאג אביסל ווארעם וואסער, מען האט אונז אויך ארויסגענומען "שפאצירן אין הויף באגלייט פון וועכטער אויף 20 מינוט, אבער מען האט נישט געקענט גיין מער ווי עטליכע טריט גלייך, מען האט זיך כסדר געדארפט אויסדרייען און נאכאמאל אויסדרייען כדי אונז צו פייניגן אין די דאזיגע פינף וואכן האט מען אונז בלויז צוויי מאל גענומען זיך אפצוואוואשן.

## וואונדערליכע פליטה פונעם קינדער-היים

נאך פינף וואכן האט מען גענומען אונז, די 6 יונגערע, אין א קינדער-היים אז מען זאל אונז צושטעלן א פרישן "בילדונג" בדרך הכפירה רחמנא ליצלן!

דארט האבן זיך אויפגעהאלטן פיל יתומים וואס די עלטערן זענען ארעסטרט און פארשיקט געווארן צו ארבייט-לאגערן צוליב אנגעבליכע עבירות קעגן די רעגירונג. דער קינדער-היים האט זיך געפינען אין א גרויסן באדן וואס איז געווען ארומגענומען מיט ביימער. מען האט דארט געגעבן צו עסן צו די זעט און מען האט אויך געקענט שפאצירן אויפ'ן באדן.

מיר זענען געווען אנדערש ווי די אנדערע קינדער, וויל מיר האבן בשום אופן נישט געוואלט גיין בגילוי ראש, און מיר האבן נישט טיילגענומען אין די שפילערייען מיט די אנדערע קינדער.

דער קינדער-היים האט זיך געפינען פינף קילאמעטער פון די שטאט בארדיטשוב. אין איינס פון די טעג האבן מיר געבעטן ערלויבעניש פון די הנהלה צו באזוכן אין שטאט, כדי צו נעמען אונזערע חפצים. די פארוואלטשאפט האט מסכים געווען אויפ'ן באדינג אז מיר זאלן ארויסגיין פער צוויי, און נישט אלע צוזאמען.

זייענדיג אין שטאט, האבן מיר ב"ה צוריקגעברענגט באהאלטערנערהייט א פאר קליינע תפילין, און דארט צווישן די ביימער האבן מיר געלייגט תפילין יעדן טאג גאר באהאלטן.

ביי נאך א געלעגענהייט האב איך באקומען ערלויבעניש אריינצוגיין אין די שטאט בארדיטשוב, און גייענדיג מיט מיין חבר רפאל ברוק אויף די גאס וואו ס'איש געשטאנען דעם קדושת לוי'ס שוהל האב איך פלוצים באמערקט פונדערווייטנס דעם חסיד ר' מיכאל טייטלבוים, וועלכער איז געקומען במסירת נפש ממש אינעם פיסק פונעם לייב ממש! זיין קאפ איז געווען פארבינדן אז מען זאל נישט זען זין בארד.

מיר זענען דורכגעגאנגען נעבן אים צו ער זאל אונז באמערקן. ער האט אונז מרמז געווען מיר זאלן אריינגיין אין שוהל. דארט האט ער אונז דערציילט, אז ער איז געקומען אונז ראטעווען! ער האט געפארשט ווי אזוי עס גייט אן דער סדר היום אינעם קינדער-היים אז ער זאל קענען אויספלאנירן ווי אזוי אונז צו ראטעווען.

ווען מיר האבן אים געטראפן דאס צווייטע מאל, האט ער אונז דערציילט אז ער האט שוין א פלאן אונז אוועקצופירן. אין שטאט איז געווען א גרויסע באן סטאנציע, און ער האט אנגעגרייט רייזע-קארטן, פער צוויי, פאר יעדע צוויי אין אן אנדערן ארט, מיט אן אנדערע באן. דעם "יום הבריחה" איז באשטימט געווארן אויף שבת קודש, אז זיי זאלן נישט קלערן אז מיר, רעליגיעזע בחורים, פלאנען צו אנטלויפן. ר' מיכאל האט אונז געזאגט אז הרב מרדכי אליעזר לאפטאווסקי (ער איז געווען ממונה אויף די ישיבות), האט גע'פסק'נט אז מען זאל דאס טאן אום שבת, און דער זכות פונעם שבת וועט אונז גאר ביישטיין!

אזוי זענען מיר ארויסגעגאנגען פארנאכטס, אלע באהאלטענערהייט, און אויף פארשידענע וועגן זענען מיר אנגעקומען צו די באן סטאנציע. דארט האט שוין געווארט ר' מיכאל. ער האט יעדן איבערגעגעבן די קארטן און מיר האבן זיך געלאזט אין וועג אריין. רפאל ברוק און איך האבן געזאלט אנקומען קיין קיעוו, וואו עס האט געווארט מיין מאמע.

פארנאכט זענען מיר ארויף אויף די באן, און מיר זענען געפארן מער ווי א שעה. ווען מען איז געקומען בעטן די קארטן האט דער באאמטער געפרעגט וואו מיר פארן? מיר האבן געענטפערט אז מיר פארן קיין קיעוו. "קיין קיעוו?", האט ער זיך געוואונדערט, "איר פארט אינעם פארקערטן ריכטונג! גייט אראפ אין די קומענדיגע סטאנציע און ווארט ביז ס'וועט קומען די באן אינעם פארקערטן ריכטונג".

מיר האבן אויסגעשטיגן אין א פארלאזטע סטאנציע אין א שטעטל מיט'ן נאמען קאזאטין. ס'איז שוין געווען מוצ"ש. ס'איז געווען פינסטער ארום מיר האבן דארט געפינען א קליינע קרעטשמע. מיר האבן געדאווענט מעריב, געקויפט סאדע און געמאכט הבדלה. דערנאך איז אנגעקומען א באן איר מיר זענען געפארן קיין קיעוו.

ר' מיכאל טייטלבוים האט זיך ריכטיג "מוסר נפש" געווען אונז צו ראטעווען.

וויבאלד ער איז געווען דער וואס האט משכנע געווען אונזערע עלטערן אונז צו שיקן לערנען, האט ער געשפירט אן אחריות אונז צו ראטעווען, און טאקע מיט ריכטיגע מסירות נפש! זכרה לו אלקי לטובה עדי עד.

## מיט די ספרד'ישע אידן אין גרוזיע

טראץ די סכנות האבן מיר זיך ב"ה נישט דערשראקן. נאך פסח האבן מיר ממשיך געווען צו לערנען תורה וחסידות אין א דירה וואס מען האט געדינגען אוינדרויסן פון די שטאט ווארעניזש, אונטער'ן אויפזיכט פון ר' שלום ווילענקין.

פון דארט זענען מיר געגאנגען קיין קורסק, וואו מיר האבן געשאפן איינס פון די אונטערערדישע ישיבות אין רוסלאנד. מיר האבן געלערנט אין פריוואטע דירות פון טייערע אידן וועלכע האבן אונז אריינגענומען צו זיך אין שטוב, נישט קוקנדיג אויף די גרויסע סכנה מיט וואס דאס איז געווען פארבינדן.

הגם כ'בין נאך געווען א יונגער בחור, האבן מיר חברים ב"ה באוויזן צו שאפן אזא ישיבה. דעמאלט זענען אלע אונטערערדישע ישיבות באשטאנען פון נישט מער ווי 20 בחורים אין קינדער, איינגעטיילט אין קבוצות פון 4-3 תלמידים וועלכע האבן זיך צושפרייט אין מערערע שטעט.

אנהויב שנת ת"ש, זענען די פירער פון די "תומכי תמימים" ישיבות געקומען צו די החלטה צוזאמצונעמען די תלמידים פון איבעראל און זיי סטאנציאנירן אין גרוזיע. מען האט דעמאלט אריבערגעשיקט גרופעס צו פארשידענע גרוזיער שטעט, ווי קוטעיסיי, קולאשי, סענאקי, זוגדידי און סוכומי.

ליובאוויטש האט פיל יארן פריער געהאט אן אחיזה אין גרוזיע. עטליכע יאר פאר די ערשטע וועלט מלחמה האט דער רבי רש"ב געשיקט איינעם פון זיינע חשוב'ע תלמידים צו דינען אלס רב פון די גרויסע קהילה אין קוטעיסי, הגה"ח רבי שמואל לעוויטין זצ"ל, וועלכער איז זינט דאן געווען באקאנט אלס ר' שמואל קוטעיסי'ער. ער האט דארט געשאפן תלמודי תורה און ישיבות, און ער האט זיך שטארק אפגעגעבן צו הייבן די בני הקהלה, וועלכע זענען געווען תמימים ויראים אבער האבן נישט צופיל געקענט לערנען. שפעטער זענען געקומען טייל פון זיינע חברים וועלכע האבן משמש געווען ברבנות אין אנדערע קהלות.

מיר זענען דארט אנגעקומען פיל יארן נאכדעם וואס הרב לעוויטין האט פארלאזט דאס לאנד, אבער זיין השפעה איז נאך געווען שטארק מערקווירדיג. יעדער האט פון אים גערעדט מיט גרויס כבוד. מיר האבן געשפירט אז זיי קוקן ארויף אויף אשכנזים אלס א שבט פון רבנים וגדולי תורה.

## דער רואיגערער רוחניות'דיגער מצב

דאס לאנד גרוזיע געפינט זיך ביים גרעניץ פון אייראפע און אזיע, און איר

באפעלקערונג איז א סארט צוזאמענשטעל פון די דאזיגע צוויי וועלטן. דער קולטור און לבוש איז אייראפעאיש, אבער דער כאראקטער איז א ציציגער אזיאטישער שטייגער. דאסווערט פארגעשטעלט אין זייער דמות: א קלארן שכל און א שטארקן גוף...

די דאזיגע מענטשן האבן נישט געגליכן א מצב אז זיי דארפן זיך פירן לויט'ן פארשטאנד פון אן אנדערן. דאס איז געווען דער צוגאנג פון די נישט-אידישע איינוואוינער און להבדיל אויך פון די אידישע איינוואוינער.

נאך אין די ערשטע יארן וואס דער סאוויעטישער הערשאפט האט אנערקענט אז זי קען נישט אונטערדרוקן דאס לאנד מיט געוואלד, האט די רעגירונג געשאנקן א בלינדע אויג פאר פארשידענע פארלעצונגען, אריינגערעכנט אז מענטשן האבן דארט אומלעגאל געהאנדעלט. אויך דער צוגאנג צו רעליגיע איז געווען אביסל רואיגער ווי אין אנדערע ערטער, צ.ב.ש. אין די שטעט וואו עס זענען געווען אידן האט מען געלאזט נוצן שוהלן, מצה בעקערייען, מקוואות און אנדערע מוסדות.

אין איינס פון די גרויסע שטעט וואו עס זענען געווען די מערסטע אידן אין גרוזיע, האט מען בימים ההם פרובירט צו שליסן די שוהל, אבער עס זענען געקומען צענדליגער אידישע משפחות מיט זייערע פרויען און קינדער און האבן זיך אריינגעזעצט אין די שוהל מיט אלע זייערע פעק. זיי זענען דארט געבליבן עטליכע וואכן, ביז זיי האבן פארזיכערט אז די שוהל וועט מער נישט געשלאסן ווערן.

מיר זענען אנגעקומען אין א שטאט אין גרוזיע גענוי אין די וואך וואס מען האט ארעסטירט דעם שטאטישן רב און דעם אלטן "חכם". דאס האט ערשיטערט די אידן אין לאנד. דער רב איז געווען א חשוב'ער ליובאוויטשער חסיד וואס צענדליגער יארן האט ער געדינט אלס רב פון פארשידענע קהלות אין גרוזיע און איז געווען באקאנט אין די גאנצע מדינה. דער "חכם" איז געווען א איד א ירא שמים אויף אן אויסערגעוועגליכן אופן. יעדעס ווארט פון אים האט מען אנגענומען בחרדת קודש.

איין דוגמא וואס זאל פארשטעלן איבער דעם מהות פונעם "חכם" און ווי אזוי דער ציבור האט זיך צו אים באצויגן, האב איך געהערט דארט אין שטאט:

מען האט דערציילט פאר דעם חכם אז איינס פון די חשוב'ע אידישע משפחות האט אנגעהויבן זיך צו באנוצן מיט "חלב סתם". נישט קוקנדיג אויף די שפעטע שעה און די שווערע ווינטן אינדרויסן, האט ער אנגעטאן זיין אויבערראק, און ער איז ארויסגעגאנגען באזוכן ביי יענעם. אריינקומענדיג איז ער באלד צוגעגאנגען אין קיך און ער האט באפוילן אז מען זאל אים ווייזן וואו עס ליגן די מילכיגע כלים, און מיט די הענט האט ער אנגעהויבן צוצוברעכן איינס נאכ'ן אנדערן! דער איד און זיין משפחה זענען געשטאנען און געציטערט און נישט ארויסגערעדט א ווארט. ווען ער האט געענדיגט זיין "ארבייט" האט מען אים געקישט די הענט, מען האט געבעטן מחילה, און פארזיכערט אז אזא זאך וועט מער נישט געשען!

די שטארקע השפעה פון דעם חכם און פון דעם רב אויף די אידישע געמיינדע

איז געווען באקאנט ביי די רעגירונג אינסטאנצן, און זיי האבן געהאפט אז נאכדעם וואס מען וועט זיי ארעסטירן און אוועקפירן וועט אויטאמאטיש אונטערגיין דאס אידישקייט אין שטאט. עס האט נישט געהאלפן קיין שום השתלדות זיי צו באפרייען. מען זיי פארשיקט צו א ווייט לאנד און א קורצע צייט שפעטער איז געקומען די ידיעה אז זיי זענען שוין נישט בין החיים. דער פלאן האט אבער נישט מצליח געווען זייער השפעה איז געבליבן ביי די אידן, און דאס אידיש לעבן איז אנגעגאנגען מיט דאס גאנצע עקשנות פון דעם עם קשה עורף.

דער פאקט אז דער רעזשים איז נישט געווען אזוי אויסגעשפראכן אין די דאזיגע מדינה, ווי אויך אז די דארטיגע אידן זענען געווען אזוי ערליך און אנטשלאסן, זענען געווען די הויפט סיבות צו אונזער החלטה אריבערצופירן רוב פון די אונטערערדישע ישיבות צו יענע מדינה.

פארט האבן מיר זיך נישט געקענט ערלויבן איבערצוציען דאס שטריקל. מיר זענען געזיצן אין קליינע געדינגענע צימערן און געלערנט אין ליידיגע שוהלן. נאר שבת זענען מיר געגאנגען צו הערן קריאת התורה, און אויך דעמאלט זענען מיר געגאנגען איינציגווייז.

די אשכנז׳ישע קהלה איז געווען גאנץ קליין און איז געווען צוטיילט צווישן די צוויי גרעסטע שטעט אין לאנד. ערשט ווען די מלחמה האט זיך אנגעהויבן איז די קהלה דראמאטיש געוואקסן, אלס רעזולטאט פון פילצאליגע פליטים וועלכע זענען אנטלאפן פון די נאציס.

אין די ערשטע תקופה האבן מיר נישט צופיל געהאט מיט די אשכנז׳ישע קהלה. סיידן געציילטע חסיד׳ישע משפחות, האבן די אשכנזים כמעט נישט געוואוסט איבער אונזער עקזיסטענץ, און מיר האבן פארגעצויגן אז עס זאל אזוי זיין. די לאקאלע קהלה האט נישט ארויסגעוויזן צופיל נייגער, איבערהויפט פאר אייראפעאישע אימיגראנטן. רוב מענטשן האבן גערעדט גרוזיש.

אונזער גשמיות׳דיגער מצב איז געווען גאנץ גוט, אנ״ש פון איבער׳ן לאנד האבן געשיקט געלט פאר די ישיבה. עס זענען טאקע געווען שוועריקייטן צו קענען אריבערשיקן געלט, אבער מען האט אלעמאל געטראפן וועגן אז דאס געלט זאל אנקומען.

## מען פארקויפט בילדער פון רבי׳ן?!...

אין חודש שבט ת״ש, בין איך אריבערגעגאנגען מיט מיין ידיד ר׳ העשיל צייטלין קיין קוטעיסי, איינס פון די גרויסע שטעט אין גרוזיע, וואו ס׳איז געווען אן אפטיילונג פון ״תומכי תמימים״.

ס׳איז מיר איינגעקריצט געווארן אין קאפ עפעס וואס איז פאר אונז געווען א פלא עצום: איך געדענק אז אין מיינע קינדער יארן אין רוסלאנד האב איך זוכה געווען צו זען ביי אונז אין שטוב א בילד פונעם רבי׳ן ריי״צ, אבער בלויז צוויי מאל האב איך

זוכה געווען דער טאטע האט אונז עס געוויזן און ער האט עס שנעל באהאלטן, ווייל ס'איז געווען א געוואלדיגע סכנה צו האבן אזא בילד אין שטוב! דארט אין קוטעיסי האט דער שמש בית הכנסת פארקויפט בילדער פונעם רבי'ן רש"ב און פונעם רבי'ן ריי"צ!...

דער ראש הישיבה אין קוטעיסי איז געווען הגה"ח ר' יוסף גאלדבערג זצ"ל, וועלכער איז געווען שטארק איבערגעגעבן פאר די תלמידים ברוחניות ובגשמיות. מיר האבן געלערנט אין צוויי שוהלן, און ער פלעגט קומען קוקן צי מיר האבן גענוג צום עסן. ווען מיר זענען אנגעקומען האט ער געזאגט אז יעדער וועט באקומען יעדע וואך א סומע געלט און ער האט געמאכט א חשבון אז מיט די סומע וועט מען קענען קויפן יעדן טאג צוויי אייער, מילך און קעז, איך האב געגעבן א שמייכל און ער האט געזאגט: איך זאג אייך נישט וואס צו קויפן, אבער איך וויל איר זאלט קויפן גוטע און געזונטע זאכן.

# לזכות

## החתן הרב התמים **מרדכי דוב** שיחי'

## והכלה המהוללה מרת **יטה חי'** תחי'

## **ווילשאנסקי**

## לרגל נישואיהם בשעטומו"צ

## יום שלישי, ח' טבת ה'תשע"ח

נדפס ע"י הוריהם

הרה"ת ר' **חיים אלי'** וזוגתו מרת **פייגא** שיחיו

**ווילשאנסקי**

הרה"ת ר' **שמואל יוסף** וזוגתו מרת **רחל** שיחיו

**רענדלער**

זקניו

הרה"ח הרה"ת ר' **שלום מנחם מענדל** שיחי' **סימפסאן**

הרב יוסף **שאול הלוי** שיחי' **מאסקאל**